בס"ד קצת לקוטים מדברות קודש מרביה"ק מסאטמאר זי"ע
שנדרשו ביום הושענא רבה — שנת תש"י עמוד ג

**איך** פלעג צו טייטשן, כ'האב שוין עס כמה פעמים געזאגט, כ'האב געטייטשט מ'זאג מיר (בסליחות) המצא לנו בבקשתינו, מ'בעט זיך ביים אייבירשטען אז המצא לנו ער זאל זיך געפונען צו אונז, בבקשתינו ביי אונזערע תפלות, כמה שכתוב אזוי ווי ס'שטייט, ובקשתם משם, עטץ וועטס בעטן את ה' אלקיך ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך. לכאורה שטייט דאך אין פסוק זייער א שווערער תנאי, ובקשתם משם את ה' אלקיך ומצאת, שטייט טאקע אן הבטחה ומצאת אז מ'וועט טרעפן, אז מ'וועט בעטן השי"ת אמת'דיג וועט מען טרעפן, ער פירט דאך אבער אויס א תנאי כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך, בעונותינו הרבים זעמיר דאך פון דעם זייער ווייט, פון כי תדרשנו בכל לבבך, די הערצער זענען דאך פארשטאפט, אוי דעם ביטערע אטימת הלב, אפילו ווען מ'קומט שוין, אפילו ווען מ'קומט זיך שוין צונעזאם און מ'זאגט ווערטער פארן אייבירשטען, אוי ווי ווייט איז מען פון אן אמת'דיג הארץ, רחמנא ליבא בעי. מורי ורבותי דער בוכ"ע קוקט אריין אין הארץ אריין, אין עומק הלב, מיט וואס פאר א הארץ מ'גייט צו, מיט וואס פאר א הארץ זאגט מען די ווערטער, אין וואס פאר א חשכות איז איינגעטינקען דעם הארץ. - ווי דער זיידע זכרונו לברכה דער ישמח משה טייטשט (בדרושים לחודש אלול) מ'זאגט שמע "קולינו" און מ'לאזט אויס וקבל ברחמים וברצון את "תפלתינו", ער הייבט אהן א קול און לאזט אויס א תפלה. נאר לעולם א תפלה הייסט נאר ווען מ'זאגט פונעם הארץ, אז מ'זאגט פונעם הארץ ארויס דברים היוצאים מן הלב, אז מ'זאגט אבער בעוה"ר אהן הארץ איז עס נאר א קול, ער איז מסביר טאקע די עונות אליין און דיא אלע וואס ווערן באשאפן פון די עונות וואס מ'איז פוגם, דיא אלע ברואים דיא ליגן אויפן הארץ, אז דעם הארץ איז אין געפענגעניש, ווי מ'זאגט (האלגאזי) מכל משמר נצור לבך (משלי ד'), זאלסט דיר אפהיטן דעם הארץ ס'זאל נישט באפאנגען ווערן אין א תפיסה א משמר, איבערדעם הייבט מען אהן שמע קולינו, אז דער בוכ"ע זאל צוהערן דעם קול, אפילו ס'איז נישט קיין תפלה ווי ס'גיהער צו זיין, זאל זיין חוס ורחם עלינו, מיט גרויס רחמנות מיט רחמי שמים זאל ער הערן דאס ויקבל ברחמים וברצון את תפלתינו, ס'זאל פון דיא קולות פון די יודישע זאל ווערן תפלות, הגם מ'איז נישט דערביי, אז ס'איז נאר קולות אהן הארץ, נאר מיט רחמי שמים הקב"ה זאל צוציען יודישע הערצער אז פון די קולות זאלן ווערן תפלות.

**נאך** איז מיר קשה געווען, ס'שטייט ובקשתם משם את ה' אלקיך ומצאת, ס'איז ידוע א מציאה הייסט נאר וואס ס'קומט בהיסח הדעת, דעס וואס מ'זוכט הייסט נישט קיין מציאה, ווי דער ישמח משה פלאגט זיך אויך, יגעת ומצאת, אז ס'איז א יגיעה (הרי אינו מציאה), ענטפערט ער, נישט דעמאלץ ווען מ'איז זיך מייגע נאר מ'טרעפט אן אנדערס מאל. ס'שטייט אין מדרש (ב"ר פל"ח ס"ז) אויכעט (עה"כ) וימצאו (בקעה), א מציאה הייסט נישט דעס וואס ס'קומט אחר החיפוש, אזוינס וואס מ'רעכט זיך נישט דערויף דעס הייסט א מציאה, אז ער זאגט ובקשתם וואס איז שייך צו זאגן ומצאת.

ח"ו, אוי ווי אוי וויי, חס ושלום מייאש זיין טאר מען זיך קיינמאל נישט.

**דער** זיידע זכרונו לברכה זאגט טאקע אין ישמח משה אויף מגילת איכה, זאגט ער גדר בעדי ולא אצא (איכה ג'). וואס איז טייטש גדר בעדי, און ולא אצא לשון עתיד. זאגט ער אזוי, אין די גרויסע נסיונות וואס זענען בעיקבא דמשיחא, די גרויסע נסיונות, ווי מ'זעהט וויאזוי א יוד קאן שווער צוקומען צו יעדע יודישע זאך, צו יעדן דבר טוב, הן בכלליות הן בפרטיות, יעדער יוד אפילו ס'טוהט עהם וויי דעס הארץ, ער העט געוואלט זיין א יוד, ער העט געוואלט דבוק זיין אין די תוה"ק, ער העט געוואלט זאגן תפלות ותחנונים פארן בורא עולם, .. אלעמען שטייט אין וועג בלויז מכשולות, ווי מ'גייט עפעס פאר א זאך פארן בורא כל עולמים'ס וועגן שפּאַטעט מען זיך אין ביטערע מכשולות, ווי א פרייען וועג האבן ח"ו די עוברי רצונו, אזוי גרויס זענען די נסיונות, אזוי גרויס איז דעס הסתרת פנים בעונותינו הרבים, וואס אונזערע עונות האבן גורם געווען. נאר דער זיידע זכרונו לברכה זאגט, טייטשט ער מיט דעם גדר בעדי, ס'זעהט עפעס אויס ווי מ'האט חלילה געלייגט א גדר פאר יודישקייט אז מ'קאן גארנישט צוקומען צום באשעפער, אז ס'איז גדר בעדי, דער פסוק זאגט אבער - כל מה שיאמר בעל הבית עשה חוץ מצא, אונז וועלמיר נישט אוועקגיין פון בוכ"ע אוי וויי, - כאטש ס'איז גדר בעדי, אבער ולא אצא, מ'וועלמיר נישט גיין, אוי וויי, אוי וויי, דער סוף וועט זיין דער בוכ"ע וועט אונז נאר העלפן, דאס גיהער נאר צו די נסיונות וואס מ'מיינט אז ס'איז טאקע אזא גרויסער גדר.

**דעם** איז דער פשט, דער אמת היצט אין תוקף הגלות, מ'האט גארנישט דעם דעת, מ'האט נישט דעס אמת'דיגע געפיל, וויאזוי קאן זיין דרישה בכל לבבו ובכל נפשו, די הערצער זענען אזוי פארשטאפט, נאר אונז בעט מיר נאר דעם באשעפער פשוט אזוי ווי מ'איז היצט אינעם שפלות מיט א קול, ווען ס'וועט אראפקומען א רוח טהרה מ'וועלמיר געהאלפן ווערן, וועלמיר באקומען אן אמת'דיג הארץ, דעס וועט טאקע זיין א מציאה, ווארן דעס האמיר גארנישט געוויסט צו בעטן, אונז קאן מיר גארנישט אויף דעם ריכטיג בעטן, מ'ווייס מיר גארנישט וויאזוי דאס זעהט אויס, וויאזוי זעהט אויס אן אמת'דיג הארץ, אוי ווי ווייט איז מען פון דעם, מ'ווייס מיר גארנישט וויאזוי דאס זעהט אויס, נאר אז מ'וועלמיר בעטן דעם באשעפער כפי כוחינו, מ'וועלמיר מקיים זיין דעם חוץ מצא, מ'וועלמיר זיך נישט אפלאזן, ולא אצא, אז מ'וועט בעטן דעם באשעפער, אויפאמאל וועלן יודען געהאלפן ווערן, וועט מען טרעפן א מציאה, דעס אליין וועט מען טרעפן אז מ'וועט צוקומען צו דרישה בכל לבב. איבערדעם איז רעכט, ובקשתם משם את ה' אלקיך, "ומצאת" וועסטו טרעפן א מציאה, "כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך", דאס אליין וועט מען געפונען, אז דער בוכ"ע וועט אראפשיקן א רוח טהרה פאר יודען וועט מען צוקומען צו אזא בחינה וואס מ'האט זיך גארנישט גירעכט דערויף, אזוי איז געווען אין מצרים, ווען דער בוכ"ע האט געהאלפן אז מ'איז געבליבן פון די ימי אפילה, מ'האט זיי געוואלט מקרב זיין, זענען אויפאמאל אויפגעהויבן געווארן מבירא עמיקתא לאיגרא רמא. עיין שנת תשכ"ב

**נאר** דעם ענין דערפון, דאס ווייסט מען אז דער סוף וועט דאך זיין, יודען זענען מובטח ושבת עד ה' אלקיך, דער בוכ"ע וועט משפיע זיין א רוח טהרה אויף יודען, דיא וואס זיי פלאגן זיך כאטש צו בעטן דעם אייבירשטען, אפילו מ'איז נישט דערביי, עכ"פ וועט מען זוכה זיין אז ווען ס'וועט אראפקומען א רוח טהרה וועט מען מקרב זיין לבבות בני ישראל, מ'זאל זיך נאר נישט חלילה אוועקקערן אינגאנצן, מ'זאל חלילה נישט אריינפאלן אין קיין יאוש 1 ווערן.

עמוד יג

ווי וואויל און לעבטיג וועט זיין, מ'קום מיר צו צו דער ישועה, דער יוד וואס ער האט אויסגעהאלטן די לעצטע נסיונות, אוי ווי וואויל און לעבטיג וועט זיין דעם יוד וואס ער וועט אויסהאלטן די לעצטע נסיונות, ער וועט דבוק זיין אין הקב"ה און די תוה"ק, מ'וועט די זכיה האבן אפצוהיטן הן בדיבור הן במעשה הן במחשבה, אז מ'וועט חלילה נישט אפגעריסן ווערן.

עמוד י"ב

אזוי ווי כ'האב פריער נאכגעזאגט דער אוה"ח הק' טייטשט ואת לחצנו זה הדחק, אוי די כוחות הטומאה זענען אזוי גרויס, וגודל הלחץ, אזוי אז ס'זעהט אויס מ'איז חלילה געדרוקט צו טוהן עבירות, מ'האט זיך נישט אין די האנט. הגם ס'איז נאך אלץ דא א בחירה, א יוד אז מ'שטייט איבער די נסיונות, אז מ'בעט דעם בוכ"ע אז מ'איז שופך את נפשו, און מ'גיט זיך אכטונג מ'טוהט כל מה שבכוחו, העלפט דער בוכ"ע, דער בוכ"ע איז א בוחן כליות ולב, מ'איז דן יעדן לויט די בחירה. אבער דאך, די אמת'דיגע בחירה הייסט עס נישט, די אמת'דיגע בחירה איז אזוי ווי ס'איז געווען פארצייטנס, אז מ'האט געהאט א פרייען וועג אז מ'האט געוואלט דינען דעם באשעפער אוי ווייי, דעס הארץ איז געווען אפן, מ'האט געהאט אלע מסייעים דערצו, ווי דער ישמח משה האט געטייטשט הבא לטהר מסייעים לו, שטייט נישט מסייע, נישט נאר דער בוכ"ע אליין, אלע כוחות העלפן מיט, בעוה"ר היינט איז פארקערט, אלע כוחות העלפן מיט חלילה פארקערט פונעם דרך האמת, אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, איבערדעם בעט מען זיך בית הבחירה, מ'זאל האבן אן אמת'דיגע בחירה.

שנת תשי"א עמוד כ"ג

וואויל וועט זיין דעם יוד אז מ'וועט קאנען דעמאלץ פארברענגען אחר הגאולה "דער האט זיך מקריב געווען" "דער האט געזוכט דעם בוכ"ע אין גלות" ער איז געלאפן פארן מלך בימי גלותו.

שנת תשי"ג עמוד כ"ח

ס'שטייט אין מדרש (דב"ר פ"ב סי"א) אברהם אבינו האט געזאגט ס'וועט אמאהל אויפשטיין א דור וואס יודען וועלן נישט קענען מתפלל זיין, וויאזוי וועלן זיי געהאלפן ווערן, האט הקב"ה געזאגט חייך בכל עת שיקראו לפני, ווען זיי וועלן רופן וועל איך זיי העלפן. פרעגט מען די קשיא, ער הייבט אהן צו זאגן מ'וועט נישט קענען מתפלל זיין, און ער לאזט אויס ווען זיי וועלן רופן, ער האט דאך געזאגט זיי קענען נישט, ער האט געדארפט צו זאגן כ'וועל זיי אזוי העלפן. זאגן זיי דעם פשט,*) מתפלל זיין איז טאקע א תפלה ווי ס'גיהער צו זיין, אשגבהו כי ידע שמי, שטייט אז מ'איז מתפלל בשם (מיד נענין) (מדרש תהלים צ"א), אז מ'איז מתפלל פאר השי"ת מקרב איש ולב עמוק, מיט אן אמת'דיג הארץ פארן בוכ"ע, די אמת'דיגע תפלה וואס ס'איז געווען ביי יודען, וואסערע גרויסע כוחות, און וואסערע גרויסע קדושה, און מ'פלעגט צו זאגן אמת'דיגע תפלות, איבערדעם השי"ת האט געזאגט "יקראו", אז ער וועט זיי הערן אז מ'וועט נאר רופן, אפילו ס'איז נישט דעס, אז מ'וועט נאר רופן.

עמוד כ"ט

**איבערדעם** זאגט ער קוראים, אז מ'וועט מיך נאר רופן, השי"ת זאל דאס מקבל זיין וואס יודען קומען זיך צונעזאם אין אזא טאג אזוי ווי אין הושענא רבה, וואס קען מען דען זאגן, ווער קען דען משיג ומשער זיין ווי מ'ווארט אויף יודישע תפלות, די אלע עולמות, און די אלע מלאכים וואס זענען מליצים ישרים, די אלע וואס זענען פרקליטים טובים פאר יודען. ס'איז דאך דא מיימינים און משמאילים, אזוי ווי ס'שטייט, ווי די גמרא זאגט (ירושלמי סנהדרין פ"א ה"א) וכי יש ימין ושמאל למעלה,*) נאר ס'איז דא מיימינים וואס זיי זוכן זכותן של ישראל, דיא וואס זיי זענען מלמד זכות אויף יודען, דיא וואס זענען זיך משתטח פאר הקב"ה און זיי בעטן רחמים פאר יודען דיא זענען לימין, און ווידעראום איז דא חלילה משמאילים די מקטריגים, מלך במשפט יעמיד ארץ, ס'איז דא מיימינים און משמאילים. די מליצי יושר זענען פרקליטים טובים וואס זיי ווילן ממליץ זכות זיין אויף יודען, און דיא קוקן ארויס, מ'קוקט ארויס אויף אזא טאג ווען יודען קומען זיך צונעזאם אין די בתי כנסיות און די בתי מדרשות, אין אזא הייליגן טאג אין אזא הייליגן זמן, אז ס'קומט זיך צונעזאם א ציבור, כל בי עשרה איז דאך שכינתא שריא, און דיא קוקן ארויס אז זיי זאלן האבן וואס צו ברענגען, און מ'ווארט אויף אן ערנסטע תנועה, מ'ווארט אויף אן ערנסטע תנועה פון יודען, אז זיי זאלן האבן מיט וואס מלמד זכות צו זיין.

עמוד ל"ד

די נביאים האבן געקוקט דיא דורות, אין די פריערגע דורות א יוד ער האט געהאלטן תורה ומצות נאר נישט מיט הארץ, ס'איז געווען א טמטום הלב, נישט אזוי ברויך מען האלטן תורה ומצות, נאר מ'זאל זיין אמת'דיג דבוק אין באשעפער, האט מען געזוכט א שטיקל התקשרות, מ'האט זיך מקשר געווען מיט די כוחות התורה און מיט די כוחות הצדיקים, דארט וואו ס'איז דא תורה און ס'איז דא מצות, זיי האבן זיך מקשר געווען. אבער זיי האבן געקוקט גאר בעיקבא דמשיחא בדורותינו אלה, אזוי ווי די גמרא (סוטה מ"ט ע"ב) רעכנט אויס דעס פני הדור וויאזוי ס'וועט אויסזעהן, שרי חכימיא (למיהוי כספריא) וספריא כחזניא, רעכנט ער אויס כעמא דארעא, ועמא דארעא אזלי ומדלדלא, דעס גרויסע הסתרת פנים, אודאי איז נאך דא יודען וואס זיי דינען דעם באשעפער, אבער דעס איז אויך מיט א גרויסן הסתר, דיו לעבד להיות כרבו, דעס גרויסע הסתרת פנים אז מ'זעהט נישט אהן די השגחה מיט די השפעה, אזוי זעהט מען נישט אהן די כוחות פון צדיקים און דעם כח התורה, איבערדעם אז מ'איז געקומען אזוי אין אזא מעמד אין אזא ביטער שפלות, אז א יוד וויל זיך אין ערגיץ אנקניפן, אז א יוד וויל זיך מקשר זיין אל האמת, זעמיר זייער ארים, מ'האט אלעס פון אונז צוגענומען, ס'איז ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתיר, והפלא ה' את מכותך זו מיתת צדיקים.

**איבערדעם** איז דאס והפלא ווייל אייביג איז געווען, ווי די גמרא זאגט (קידושין ע"ב:) ביום שמת רבא נולד רב אשי, וזרח השמש ובא השמש, עד שלא שקעה שמשו של משה זרחה שמשו של יהושע, ווען ס'איז געווען א שקיעה האט דערנאך אויפגעשיינט אן אנדערער אור, נאר בעוה"ר האט מען צוגענומען פון דור די צדיקים, איבערהויפט אין די לעצטערע יאהרן זעמיר געבליבן ערום ויחף, נאקעט און בארוויס, אהן תורה און אהן יראה אהן עבודה, מ'האט צוגענומען אלע מגינים פון אונז, א שקיעת השמש איז געווען א גרויסער, אבער קיין וזרח השמש האמיר נאכנישט געזעהן, נישט עפעס אנדערשט נאר צו ווארטן אויף דער גאולה, אבער ביזדערווייל האט מען זיך נישט אין וואס אנצוכאפן, אוי ווי קאן מען זיך מקשר זיין, אוי וויי אוי וויי, "ווען מ'העט גיוועען געוויסט וואו מ'קען זיך ערגיץ אנקניפן העט מען געגאנגען ביז יענעם עק וועלט", בעוונותינו הרבים איז אלעס נחסר פון אונז, מ'האמיר זיך נישט אין ווען אנצוכאפן אוי וויי, אסאך מאהל וואס מ'קוקט זיך אהן .. אזוי זעמיר געבליבן, מ'ליגט אין חשכות און מ'האט זיך נישט וואו צו קערן און וואו צו ווענדן אוי וויי.

**איבערדעם** זאגט דאס די גמרא (סוטה מ"ט ע"א), די גמרא רעכנט אויס דעם מצב הדור און לאזט אויס אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים. נו וואס איז דאס אזוי שלעכט, אין די גוטע צייטן איז דאך אויך נאר אלעס פון בוכ"ע, אלעס שטאמט דאך פון באשעפער. נאר וואס'זשע דען מ'האט געהאט ממוצעים, מ'האט געזעהן בחוש, מ'האט געזעהן דאס בחוש וואו ס'איז דא השראת השכינה, אפילו מ'איז נישט געווען דערביי, די גמרא זאגט (כתובות קי"א ע"ב) ולדבקה בו, וכי אפשר לידבק בהקב"ה, (אלא) הדבק בתלמידי חכמים ובתלמידיהם. מ'האט געזעהן השראת השכינה, אז מ'האט זיך מקשר געווען מיט עובדי ה' באמת האט מען זיך מקשר געווען אין די שכינה הקדושה, היינט איז נישט געבליבן גארנישט,

גראד צום באשעפער קען מען זיך ווענדן, אוי וויי, שטייט גאר השי"ת ווארט אויף דעם, איבערדעם זאגט ער אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים.

שנת תשי"ג עמוד נ'

ווי דער אמת איז היינט גרויסע געוואלטיגע נסיונות אויף דעם שטיקעלע אמונה אליין, מ'זאל זיך בארעכענען, אוי רבש"ע, מ'זאל בעטן השי"ת זאל רחמנות האבן, דעם שטיקעלע אמונה אין הקב"ה דאס דערהאלט דאך די גאנצע וועלט, דער זכות האמונה, און די כוחות הטומאה האבן זיך אויף דעם פארלייגט, בעוה"ר מ'זאל זיך גוט אומקוקן, צווישן דעם ביסעלע שומרי התורה והמצות, ווי ווייניג טרעפט מען מיט אמונה שלימה, איבערהויפט אין אלע י"ג עיקרים, מ'זאל באמת גלייבן אין השגחת הבורא ב"ה און אין ביאת המשיח, און אין ישועתן של ישראל אז ס'איז מקושר מיט די תוה"ק, אוי נא לנו אז מ'האמיר זיך דאס דערגרייכט, אז מ'האט גרויסע נסיונות אויף דעם שטיקעלע אמונה, דארט האלט מיר שוין, מיט די גרויסע נסיונות אויף יעדן קיום התורה והמצות, דארף מען נאך גרויסע נסיונות האבן אויף דעם שטיקל אמונה,

עמוד נ"ו

דאס איז די אמת'דיגע אמונה, אין דעם טאר קיין יוד נישט מסופק זיין, אזוי ווי ביי בריאת העולם שטייט (ב"ר פ"ג ס"ח) אז די מלאכים זענען נישט באשאפן געווארן ביום ראשון, מ'זאל נישט זאגן אז שותף הי' להקב"ה, ס'איז דא א שותף במעשה בראשית, האט מען נישט באשאפן ניטאמאל די מלאכים, נאר דער בוכ"ע אליין, מ'זאל וויסן אחד יחיד ומיוחד. אזוי היינט די גאולה שלימה דארף מען וויסן, אזוי ווי מ'איז איבערצייגט אין בריאת העולם, אז דער בוכ"ע אליין האט געטוהן, אויף דעם ארויף וואס יודען וועלן דינען דעם אייבירשטען שפעטער, מ'וועט מקבל זיין די תורה און מ'וועט טוהן מצות ומעשים טובים, אזוי איז נישטא קיין שותף אין דער גאולה העתידה. אוי וויי אוי וויי, ווי ביטער איז מען אריינגעפאלן, ס'איז ארגער ווי דעם גרעסטע מינות, אז מ'קלערט חלילה א שותף אין דער גאולה חלילה פון מינות מיט אפיקורסות, אוי וויי איז צו אונז אז מ'האמיר זיך אזוינס דערלעבט, מ'זאל אזוינס הערן פון יודען, אוי וויי, אז דאס איז חלילה אן ענין גאולה, מינים און אפירקורסים לא עלינו, מ'איז מכעיס דעם בוכ"ע, מ'פארשפרייט מינות מיט הירוס הדת, מ'זאל זאגן אויף דעם דעס מינדעסטע (ענין גאולה) חלילה, איך האלט אז נעבעך דאס האט פארשטויסן די גאולה, דאס האט פארשטויסן דעם רעכטן קיבוץ גליות, בעונינו הרבים אזוי ווייט איז שטארק די סטרא אחרא, אוי האט מען אונז געלאזט אין אזא ביטער חשכות, ס'קאן זיך נאך טרעפן יודען וואס זיי האבן נאך אין דעם א שטיקעלע אמונה, אוי וויי, נאך היינט אויך בעוה"ר, אוי נא לנו אז מ'האמיר זיך דאס דערלעבט, ס'איז נישט אומזינסט וואס ר' יוחנן האט געזאגט ייתי ולא אחמיני', ס'איז גאר נישט קיין ספק אז ווען ר' יוחנן קוקט דאס צו העט ער עס נישט גיוועזן אויסגעהאלטן, אוי וויי, ער העט ממילא נישט דערלעבט, ער העט נישט גיוועזן געקאנט דערלעבן ביאת המשיח, נישט בחנם האט ער דאס געזאגט, פאר קיין צרות הגוף האט זיך ר' יוחנן נישט געפארכטן, נאר בעוה"ר דעס גרויסע שפלות אז מ'האלט דאס איבער, מ'הערט דאס און מ'האלט עס נאך אויס, אוי וויי, אזוינס זאל מען קאנען הערן אין בתי מדרשים נאך אויך, אוי וויי אוי וויי.

עמוד נ"ח

**דאס** וועט זיכער זיין, און גאר קורץ רבותי, ס'קען שוין נישט לאנג דויערן, דאס איז זיכער, ס'איז שוין נישטא קיין לאנגע זמנים, נאר לאמיר אונז זיין פון דיא וואס מ'וועלמיר זיך מתקשט זיין, מ'זאלמיר זיך אנגרייטן מצות ומעשים טובים, מ'זאלמיר גיכער דופקי זיין בתשובה, מ'זאלמיר די זכיה האבן מקבל זיין דעם מלך המשיח באנפין נהירין, מ'זאלמיר זיין פון דיא אז מ'וועט דאס די זכיה האבן צו דערלעבן, ווען משיח וועט קומען זאל ער קענען זאגן דאס איז דיא יודען וואס זיי האבן צוגעהאלפן צו דער גאולה, נישט חלילה פון דיא וואס זיי האבן מעכב געווען די גאולה, וואס פאר א פנים וועט מען האבן, אוי וויי, אז דער מלך המשיח וועט קומען, והוא מחולל מפשעינו, וויאזוי וועט מען קוקן אין פנים אריין, ס'וועט זיך ארויסשטעלן דער אמת ווער ס'האט מעכב געווען די גאולה. לאמיר זעהן לאמיר זיך אהינגעבן פארן כבוד שמים און פאר אמונה שלימה ואמיתית, און פאר תשובה שלימה וויפיל מ'קען, גאר הויך וועט מען טוהן הערשט דעמאלץ ווען דער מלך המשיח וועט קומען, אבער דעם ביסעלע וואס מ'קאן טוהן היינט איז חשוב'ער פון אלדינגס, הקב"ה זעהט מ'איז אין א גרויס חשכות, א קליין לעכטל אז מ'צינדט אהן לייכט עס זייער, ווען די שטוב איז פול מיט לעכט מעג מען אנצינדן דעם גרעסטע לעכט זעהט זיך נישט אזוי אהן, דעמאלץ אז מ'וועט תשובה טוהן און מ'וועט דינען דעם באשעפער ווען ס'וועט זיין אזא גרויסער אור, וואס זעהט זיך אהן, אבער היינט אין דעם ביטערן חשכות לאמיר אנצינדן כאטשיג א קליין לעכטל וועט עס א גרויסן אור האבן, ווי חשוב וועט עס זיין פארן בוכ"ע, ווי דער ירושלמי טייטשט (סוף מס' ברכות) עת לעשות לה', דעמאלץ איז די צייט צו טוהן פארן באשעפער ווען ס'איז הפרו תורתך, אז מ'איז אין א דור פון הפרו תורתך דעמאלץ איז די צייט צו דינען דעם באשעפער, דעמאלץ איז עס זייער חשוב.

עמוד ס"ד

דער אוה"ח הקדוש זאגט (פ' שמות ג' ח') אז פאר די גאולה וועט מען זיין אין די נו"ן שערי טומאה, נישט אין די מ"ט, איי פארוואס דעמאלץ האט מען נישט געקענט ארויס ווען מ'העט געקומען אין די נו"ן, ווייל ס'איז געווען פאר קבלת התורה, היינט איז נאך קבלת התורה, מיט די תוה"ק וועט מען ארויס פון שער הנו"ן. אבער קודם ביזדערווייל לאמיר זיך אנקוקן וואו מ'זעמיר, מ'זעמיר בעונינו הרבים אין שער הנו"ן, אין מצרים האט מען נישט געקענט אויסהאלטן נאר אין מ"ט, דער שער הנו"ן איז דאך קעגן די אלע מ"ט שערים, אוי נא לנו אז מ'האמיר זיך דאס דערגרייכט, איבערדעם איז אזוי שווער צו זאגן א יודיש ווארט, אוי וויי, מ'זאל זיך נישט וואונדערן פארוואס ס'איז אזוי שווער צו־צוקומען צו א פיצעלע אמת, אזוי איז אז מ'איז אין שער הנו"ן, בעונינו הרבים אונז זעמיר דעס דור וואס מ'זעמיר אריינגעפאלן אין די נו"ן שערי טומאה, נישט אין די מ"ט, לאמיר זיך זעהן עפעס ארויס, מיטן כח התורה, ווי דער אוה"ח הקדוש זאגט, נאר מיטן כח התורה קען מען ארויס.

שם

לאמיר זיך מקבל זיין דעם עול מלכות שמים באמת,

עמוד ע'

**קען** זיין וואס מ'זאגט דא למען סודך, דער אמת בעוה"ר אין דעם שפלות הדור, אין דעם שפלות התורה, אין דעם שפלות כבוד שמים, קיינער פארשטייט דאך נישט דרכי ה', מי בא בסודו, פון דעם גאנצן אריכת הגלות, פון די אלע פעולות, און די גרויסע נסיונות, קיינער פארשטייט דאך נישט וואס מ'טוהט דא אויף, מ'ווערט וואס אמאהל נידריגער, מ'ווערט וואס אמאהל מער דערווייטערט פונעם קיום התוה"ק, וואס אמאהל מער דערווייטערט פון בוכ"ע, אינו דומה די פריערדיגע דורות, מ'שמועסט נישט בזמן שבית המקדש קיים, אפילו אין די אלע דורות וואס ס'איז געווען פיל מיט תורה און קדושה אין אלע ווינקעלעך, היינט מ'איז אזוי נתגשם, מ'דארף גרויס סייעתא דשמיא מ'זאל זיך נישט חלילה אינגאנצן אפרייסן. די קשיא איז דאך ביי יעדן זייער גרויס, נאר מ'האט אמונה שלימה אז דאס אלעס ומי בא בסוד ה', לעתיד (אמרז"ל במד"ר פי"ט ס"ו)

דברים שהם מכוסים יהיו צופים לעתיד לבא, לעתיד וועט מען אלדינגס (פארשטיין), שטייט אין ישמח משה (פ' שמות) בשובי את שבותיכם וועט זיין לעיניכם אמר ה', וועט מען אלעס זעהן פאר די אויגן, היינט האט מען נישט קיין אנדערן תירוץ נאר ס'איז א סוד, אז ס'איז אלעס על פי סוד.

עמוד ע"ה

דאס איז דער יסוד פון יודען, תינוקות של בית רבן, ס'זאל נתגדל ווערן יודישע דורות, בעוה"ר אין ארבע פינות העולם האט מען זיך פארלייגט אויפן חינוך פון יודישע קינדער, הבל פיהם של תינוקות של בית רבן, האט מען זיך פארלייגט, און אפילו במקום הקודש דער מקור הקדושה וטהרה, מפי עוללים ויונקים יסדת עוז, ווי האט מען זיך פארלייגט אויפן חינוך, אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, מיטן דרך הטבע זעהט מען גארנישט, גרויס רחמים ברויך מען ס'זאל אויפגעצויגן ווערן יודישע דורות.

**און** אויך דעס זעלבע, אז דער בוכ"ע האט פארווארפן יודען איבעראל מיט די גרויסע נסיונות, דער בוכ"ע האט אונז אויך געשיקט אהער אין ארץ הטמאה, מ'האט אונז געשיקט שלוחים פון בוכ"ע, מ'זאלמיר איינפלאנצן די כוחות הקדושה – אויף דעם זענמיר געקומען – און די תוה"ק, ברויך מען האבן סייעתא דשמיא אז מ'זאל חלילה נישט משוקע ווערן בטומאת הארץ, מ'ברויך מיר מתפלל זיין ביי יעדער געלעגנהייט אז מ'זאלמיר זוכה זיין צו זעהן די שלשלת הקדושה, ס'זאל זיין פרחים להעצימה.

שנת תשט"ו עמוד צ"ח

**דאס** איז אויך דעס שוינקייט פון יודען, – דאס זאג איך בדרך אגב, – דאס איז דעס שוינקייט אז מ'זעהט אהן יודישקייט, אז יודען גייען מיטן צלם אלקים, אז מ'איז נישט משנה מדרכי אבותינו, דאס איז דעס שוינקייט פארן בוכ"ע אז מ'זעהט די קדושה, מ'ברויך דאס צו זעהן אויסנווייניג, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך, זיי ווייסן נישט קיין פנימיות, מ'דארף דינען דעם באשעפער אין פנימיות, אבער דעס חיצוניות דאס איז דער כבוד שמים דעס איז שיין, ווי דער רא"ה זאגט אין ספר החינוך (מ"ע ט"ז) א כלל גדול אז דעס חיצוניות איז משפיע אויפן פנימיות, איבערדעם דאס איז אלעס דעס שוינקייט, איבערדעם איז דאס ותפארתך.

**אזוי** ווי כ'האב שוין געזאגט יום הקדוש פאר כל נדרי, האב איך דעמאלץ שוין גשמועסט דערפון, בעוה"ר מ'זעהט דאך ס'ריקט זיך, מ'זעהט ווי ס'ריקט זיך די דורות, ס'איז נאר דא דעס ביסל יודען און מ'דארף האבן מסירת נפש אז מ'זאל זיך דערהאלטן, מ'זאל נישט חלילה אזוי אויסזעהן אזוי ווי בעוה"ר די ביטערע ירידה פון יודישקייט וואס מ'זעהט אויף די גאנצע וועלט און אין דער מדינה בפרטיות, דעס ווייסט מען גאנץ גוט אז אויפאמאל, א ירא וחרד קען נישט אויפאמאל ארויסטרעטן אינגאנצן פון יודישקייט, ס'הייבט זיך אהן צוביסלעך, דער פעלער איז ביים אנהייב, איך וויל נישט דא איבער'חזר'ן וואס כ'האב געזאגט יום הקדוש, דעס וואס די גמרא זאגט (סנהדרין ק"ב ע"ב) אז ירבעם בן נבט האט גארנישט געטוהן קיין עבירה נאר ס'איז געווען אן התחלה, כעין זה זאגט דער חתם סופר (פ' וילך) כי "פנה" אל אלהים אחרים.

**אזוי** הייבט זיך אהן דער אנהייב, ס'הייבט זיך אהן כה תאמר לבית יעקב, דעס הייבט זיך אהן פון די נשים, איך האב טאקע דאס מזכיר געווען יום הקדוש, נאר לגודל חומר הענין וועל איך עס איבער'חזר'ן נאכאמאל היינט, היינט איז דאך דער לעצטער טאג און מ'דארף מקבל זיין דעם עול מלכות שמים, מ'זעהט ווי ס'ריקט זיך די דרכי הצניעות, ס'הייבט זיך אהן ביי די נשים, איך דארף נישט אויסצורעכענען וואס דאס איז גורם, דאס איז נעבעך גורם די אלע חטאים וואס מ'ווערט נכשל. אבער דעס פאר זיך אליין, איך האב שוין דאס געזאגט אז מ'זעהט בעוה"ר ווי גרויס די קליפה איז, ווי גרויס די סטרא אחרא איז, דעס ביסל יודען, סיי די מענער און די נשים, מ'ווייסט דאך אז מ'קאן זיך נישט צוגלייכן צו דער וועלט, מ'זאל זיך חלילה לערנען פון דער וועלט, מ'איז אין א דור שפל, דער אמת איז, די גאנצע וועלט די אלע וואס זענען שוין משוקע דיא זענען אפשר שוגגים, ד'יא זענען שוין אפשר נישט שולדיג גארנישט, זענען ווי א תינוק שנשבה לבין העכו"ם, דיא ווייסן שוין פון גארנישט, נאר דער חוב און די לאסט ליגט נאר אויף דעם ביסל יודען וואס זיי ווייסן נאך אז ס'איז דא א תורה און ס'איז דא א באשעפער.

**איך** האב שוין דאס געזאגט, און איך מוז נאכאמאל זאגן "בשום אופן שבעולם" אז די אלע נשים דיא וואס זענען דא פון אונז, בשום אופן "באלד וועט מען זיך דערזעהן חלילה מיט א קהילה מיט די אייגענע האר", לא יזכר ולא יפקד "יעדער זאל זיך אפשערן די ביי האר", דעס איז די התחלה פונעם גאנצן, מ'האלט שוין באלד דארט אויכעט ס'ווערט וואס אמאהל גרעסער, איך ווייס נישט פאר וועמען מ'שעמט זיך, צי פאר דיא מדינה, פאר די אלע דארף מען זיך שעמען מיטן שבת אויך, און פארן באשעפער ווי גרויס איז די חרפה און די בושה, אזא קלייניקייט וויל מען נישט מפקיר זיין פארן בוכ"ע. מ'זאגט ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, ווען דער בוכ"ע זאל פון אונז פארלאנגען דעס נפש העט מען עס אויך געמוזט אהינגעבן פארן אייבירשטענס כבוד, נאר ער פארלאנגט עס נישט, נאר אבער אן עבירה, ווי קען מען זאגן ובכל נפשך אז אביסל האר וויל מען נישט געבן פארן כבוד שמים, אוי וויי, ווי איז מען אזוי געזינקען, בארעכנטס ענק היצט ווילאנג ס'איז נאך צייט, ווילאנג ס'איז נאך דא אביסל יודען, אוי וויי. מ'דארף האבן אזויפיל אמונה, פאר אזא קלייניקייט וואס מ'וועט אוועקגעבן פארן כבוד שמים, דער בוכ"ע איז דאך בכח צו געבן פאר דעם, כאטשיג דאס איז דער אמת אז די אלע דעס ביסל יודען זענען דאך אודים מוצלים מאש, ווער האט אונז דען געגעבן דעס גאנצע שטיקל חיות, ווער האט אונז איבערגעלאזט פון דער מהפיכה, טאקע נאר דער בורא עולם אליין.

**און** אזוי מיט די אלע עניני חציפות בעוה"ר, ווער האט זיך דען גיווען אויסגעמאלן אין פריערינן דור אז ס'וועט זיין אמאהל אזא חציפות, אז ס'וועט זיין א "טיילעוויזשן" אויף דער וועלט און ס'וועלן זיך טרעפן יודען וואס זיי האבן זיך נאכנישט גע'שמד'ט און זיי נעמען דאס אויך אין שטוב אריין, ביטער און זויער אוי וויי, איך האב שוין דאס געזאגט ווען ס'העט געווען אין די פריערינע דורות העט מען גיווען אויסגעשלאסן אזא הויז מזרע ישראל, דעס איז בעוה"ר אלעס, עבודה זרה מיט גילוי עריות, ס'איז גארנישט מעגליך ס'זאל א גוטן סוף האבן, מ'קען גארנישט בלייבן קיין יוד, דאס איז דאך דעס גאנצע, ס'איז נישט פארהאנדן נאך אזא חציפות.

**איבערדעם** מ'דארף צו וויסן אז מ'דארף זוכן שוינקייט דארף מען זוכן ביים באשעפער, פאר אן אנדערן קאן מען זיך נישט באשיינען, ווארן ווי קאן זיך א יוד באשיינען פאר די אומות העולם צי פאר די עוברי עבירה, דעס ביסל יודען, דיא וואס זיי הייבן זיך אהן צו צוגלייכן צו עוברי עבירה און זענען מתלוצץ פונעם אמת'דיגן יודישקייט, דיא זענען דאך בעוה"ר די גרעסטע מהרסים, השי"ת ירחם. שוינקייט דארף מען זוכן פארן באשעפער, דער בורא עולם זאל העלפן, דער בורא עולם זאל אויף אונז האבן השקפה לטובה, מ'זאלמיר זיין שיין פארן בוכ"ע, אלע אינאיינעם זאלמיר זוכה זיין צו זעהן דעם כבוד שמים, דורי דורות פון יודען, אוי

ווייי, אונז זאלמיר זוכה זיין דאס צו זעהן, מ'זאלמיר האבן עפעס א נשיאות חן ביים בורא כל עולמים, מ'זאל האבן חן ושכל טוב בעיני אלקים און דערנאכדעם ביי ואדם, דעס ערשטע איז ביים בוכ"ע. איבערדעם בעט מען זיך למען גדלך ותפארתך, וויאזוי זעהט אויס דעס שווינקייט, וויאזוי מ'באשיינט זיך פארן באשעפער, אוי ווי שיין איז דער יוד וואס ער איז פיל מיט יראת שמים, ער פארגעסט זיך נישט קיין רגע, און ער איז דבוק אין דער תורה און עבודת השי"ת, און מ'היט זיך אפ, זיך און דעס הויז.

*שנת תשי"ז עמוד קי"ב*

**נאר** ס'איז ידוע אז דער זיידע זכרונו לברכה דער ישמח משה, ווען ער איז געקומען דעס ערשטע מאהל קיין לובלין, האט ער אינזין געהאט, ער האט געוואלט דער לובלינער (זלה"ה) זאל עהם מתרץ זיין דעס פארוואס זענען ביי חסידים, פארוואס מ'איז נישט מתאונן אויפן חורבן, – ס'איז ידוע – האט ער אינזין געהאט ער האט געוואלט דער לובלינער (זלה"ה) זאל עהם פארענטפערן, ס'שטייט הבא לטהר מסייעין, פארוואס שטייט נישט הבא לטהר מסייע, ווער העלפט דען, נאר דער בורא עולם, דער בורא עולם איז דאך אן אחד יחיד ומיוחד, פארוואס שטייט עפעס מסייעין לו, פארוואס דען שטייט עפעס לשון רבים מסייעין, ווער זענען דאס דען די סאך העלפערס, נאר דער בוכ"ע אליין, אלא מאי מוז זיין אז צדיקים ברויכן אויך צו העלפן, איבערדעם שטייט מסייעין לשון רבים. ס'איז ידוע ווען ער איז געקומען קיין לובלין האט עהם דער לובלינער באלד געזאגט דעם תירוץ. ער האט עהם געזאגט מ'זעמיר מתאונן אויפן חורבן בחצות לילה, איי ווי קום איך אייך דאס צו זאגן, האט ער עהם דאס איבערגע'חזר'ט שטייט דאך נישט מסייע נאר מסייעין, דארפן צדיקים אויך העלפן.

**עכ"פ** זעהט מען דאך, אין די פריערדיגע דורות האט מען צוגעהאלפן יודען, די משנה האט געזאגט לשון רבים ס'איז געווען אסאך מסייעין, ס'איז געווען די צדיקי עולם, זיי האבן געהאלפן פאר יודען אין יודישקייט, מ'האט אויפגעהויבן יודישע הערצער, אבער אין דעם חשכות בעיקבא דמשיחא זעמיר אזוי געבליבן, שור כי אבדו חסידנו ומפגיע אין בעדינו, ווער זענען די מסייעים, בעוה"ר מ'קאן מיר זיך גארנישט העלפן, איין מסייע איז דא דער בורא עולם, אונז זעמיר געבליבן מיט דעם איינעם מסייע. מורי ורבותי לאמיר זיך נאר פארלאזן אויפן באשעפער, אלע אינאיינעם ברויך מיר געהאלפן צו ווערן אוי וויי, ווען מ'האט געקאנט באקומען עפעס א מסייע אוי וויי אוי וויי, מ'קאן זיך נישט העלפן, אלע אינאיינעם ברויך מיר געהאלפן צו ווערן, לאמיר אלע אינאיינעם בעטן איינער פארן אנדערן אוי וויי, איך בעט ענק אויכעט, בעטס פאר מיר אויכעט, לאמיר בעטן אלע אינאיינעם פארן כלל ישראל, אוי ווי גרויס איז דעס חשכות, מ'קען זיך נישט העלפן, און עפעס אנדערשט נישט נאר רחמי שמים, השי"ת זאל דערלייכטן יודישע הערצער, זאל דערלייכטן יודישע אויגן.

*עמוד קט"ז*

**ווידעראום** איז פארהאנדן למענך בוראינו, דער בוכ"ע האט באשאפן דעם מענטש, האט מען באשאפן דעס פנימיות, די אלע ענפי הקדושה אלדינגס וואס ס'איז דא אינעם מענטש האט דער בוכ"ע באשאפן, ס'איז דאך ידוע, מ'זאל אפגעהיטן ווערן, דורך דעם חטא הידוע אז מ'איז מוציא זרע לבטלה חלילה די ענפי הקדושה אז זיי גייען לריק פון דעם ווערט באשאפן מקטריגים, ס'ווערט באשאפן א גוף פון די ענפי הקדושה, און לאחר פטירתו קומען זיי און זענען מצער און זיי שרייען אבי אתה, דו האסט אונז באשאפן אוי וויי, אפגעהיטן זאל מען ווערן פון דעם צער, איבערדעם אז ס'איז דא א בריאה, – ס'איז אלעס מיטן כח אלקי, נאר מתחלת הבריאה האט דער בוכ"ע באשאפן נאר די בחינת הקדושה, נאר דער בוכ"ע האט געגעבן א רשות א כח פאר די סטרא אחרא אז ס'ווערט באשאפן מיט די כוחות וואס ס'איז שאינם אמיתיות. – ס'איז דאך ידוע דעם גרויסן חומר וואס ס'שטייט אויף דעם, איך דארף דאס נישט צו זאגן, ס'איז דאך אין לך דבר שעומד בפני התשובה, אויף איין פלאץ איז גאר דא אין זוה"ק (ח"א רי"ט:) אז ס'איז גאר נישטא בשלימות קיין תיקון, אבער ס'שטייט דאך שוין אבער דאך, ס'קען זיין אז פונעם מענטש אויס קען מען נישט מתקן זיין, נאר דער בורא עולם האט רחמנות על ברואיו. איבערדעם ווען יודען קומען זיך צונעזאם אין א מקום קדוש, קומען זיך צונעזאם די אלע ניצוצים הקדושים און בעטן רחמים "זייטס אונז מעלה", איך דארף נישט אויסצורעכענען טאקע אין דעם ענין ווי גרויס ס'איז אין דעם דור די נסיונות, בעוה"ר דעס גרויסע פריצות הדור, מי יאמר זכיתי לבי טהרתי מחטאי.

**מורי** ורבותי היינט איז א טאפלטער זמן, ס'איז הושענא רבה איז דאך מסוגל אויף דעם, ס'שטייט ערב"ה איז בגימטריא זר"ע, עקסטערדעם פרייטיגדיגער טאג ערב שבת דער יום הששי איז כנגד מדת היסוד, יעדער פרייטיג איז מסוגל אויף דעם חטא, היינט האמיר הושענא רבה אינעם טאג פון ערב שבת, לאמיר נישט אוועקלאזן די געלעגנהייט, לאמיר נישט ארויס מיט גארנישט, לאמיר בעטן ביי השי"ת ער זאל משפיע זיין אין די הערצער מ'זאלמיר נאך די זכיה האבן תשובה צו טוהן, ס'שטייט מיט וואס מעקט מען אויס דיא חיצונים נישט מיט עפעס אנדערשט נאר מיט יודישע טרערן, לאמיר נישט שוינען קיין טרערן, לאמיר נישט ארויס בחרפה ובבושה אוי וויי אוי וויי, השי"ת זאל אונז ווייטער העלפן, ווי גרויס זענען די נסיונות, דער בעל דבר האט זיך פארלייגט אין דעם פרט נאך בפרטיות, ווי גרויס די כוחות הטומאה זענען, אז מ'גייט איינמאל דורך די גאס דארף מען אויך רחמי שמים, השי"ת זאל העלפן מ'דארף דאך נישט אויסצורעכענען יעדער ווייסט דאך נגעי לבבו, לאמיר זיך בארעכענען וואס מ'האט פוגם געווען, ס'איז פארהאנדן חלילה ארגער און ארגער, איך דארף גארנישט אויסצורעכענען, יעדערער ווייסט דאך ביי זיך, אלע אינאיינעם לאמיר זיך בעטן ביי השי"ת ער זאל אויפוועקן די הערצער לתשובה שלימה, מ'זאלמיר בלייבן ביי דער בריאה וואס הקב"ה האט באשאפן.

*שנת תשי"ז עמוד קי"ג*

מ'דארף גרויס סייעתא דשמיא – בעוה"ר וויאזוי מ'זעה מיר אויס – אז מ'זאל בלייבן אמת'דיג ביי דער אמונה, אוי וויי אוי וויי אז מ'קוקט זיך אהן ווי מ'האלט, די גרעסטע נקודה פאר א יוד דעס שטיקעלע אמונה, אוי ווי אין א סכנה איז דעס פיצעלע אמונה, קיינער ווייסט נישט ווי ער האלט מיט זיך, יעדע מינוט חלילה ווי מ'פאלט אריין, אזוי ווי מ'זעהט בעוה"ר אין דער גרויסער ביטערע הסתרה, השי"ת זאל אונז העלפן אז מ'זאל זיין דבוק באמונתו יתברך שמו, צדיק באמונתו יחיה, דאס איז די גרעסטע ישועה אז מ'איז אמת'דיג דבוק אין דער אמונה, השי"ת זאל מקרב זיין לבבות בני ישראל, ער זאל מאיר עיני ישראל זיין מ'זאלמיר זיין באמת דבוק אין השי"ת,

*עמוד קי"ד*

**דאס** איז אויכעט איינס פון די גרויסע ענינים, אזוי ווי מ'זעמיר אין דעם דור, מ'זעמיר אין דעם דור חושך ואפל, אין דעם דור החושך ואפל מיט די גרויסע נסיונות, בעוה"ר ווי גרויס דעס התגברות דער כח פון די פירצות, ווי גרויס דעס פריצות, דעס התגברות כוחות התאוה, און מ'ווארט אויף יודען, אזוי ווי ס'שטייט אין ספרים, ס'איז דאך שוין ידוע, אז אין דעם איז תלוי די גאולה, מ'לאזט יודען אין גלות אז מ'זאל דאס פארריכטן דעם חטא, לויט די גרויסע נסיונות, וואס מ'טוהט עפעס אין דעם ענין האט מען אסאך אויפגעטוהן, דורך די גרויסע נסיונות, אבער בעוה"ר וואס אמאהל ווערט מען מער איינגעטינקען.

שנת תשל"ב עמוד קפ"ג

**איבערדעם** מורי ורבותי, דאס איז איינס פון די גרעסטע בקשות, דארף מען בעטן פון באשעפער אז מ'זאל קאנען בייקומען די שווערע מלחמה, דער אמת ווי שווער זענען די נסיונות, די שווערע ביטערע נסיונות וואס די וועלט איז פיל, – עקסטערדעם וואס די וועלט הייסט דאך א מקום טמא אזוי ווי די גמרא זאגט (קידושין מ':), – איז פיל מיט מסיתים ומדיחים, אין די לעצטע יאהרן עיקבא דמשיחא וואס ס'איז דער גרויסער עלמא דשיקרא, והאמת נעדרת, ס'איז נתגבר געווארן דער כח הטומאה און דער כח השקר, דאס איז דיא יאהרן וואס ס'שטייט (תמיד ל"ב.) שטנא נצח, אוי ווי שווער איז דאס בייצוקומען. לאמיר זיך בעטן ביים באשעפער מ'זאלמיר זיך קענען דערהאלטן, השי"ת ירחם מ'זאלמיר האבן די גרויסע השפעה מ'זאלמיר בלייבן מ'זאלמיר זיין נאמנים לה' ולתורתו הקדושה. אוי הארצעדיגע ברידער לאמיר בעטן איינער פארן אנדערן, אוי ווי, מ'זאלמיר דינען דעם באשעפער באמת, מ'זאלמיר זוכה זיין צו דערלעבן צו זעהן די אמת'דיגע ישועה, ס'זאל זיין להעביר גילולים מן הארץ, וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, ס'זאל זיין תעביר ממשלת זדון מן הארץ, אוי דער צער השכינה הקדושה, אוי ווי געוואלד, אוי דער כח הטומאה איז אזוי שטארק במקום הקודש, מ'איז מכעיס דעם בוכ"ע במקום קדשו, אוי לנו שכך עלתה בימינו, ווען די פריערדיגע דורות העטן דאס געזעהן העטן זיי עס נישט אויסגעהאלטן אוי וויי.

שנת תשכ"א עמוד קצ"ה

יעדער ווייסט דאך ביי זיך ווי ווייט מ'איז נעבעך מלא עונות ופשעים, ווי ווייט מ'איז פארשמירט פון א גאנץ יאהר, די טעג מיט די נעכט, און וואס מ'האט זיך עפעס אנגעגרייט תורה ומצות איידער מ'זאל צוקומען מ'זאל קענען זאגן אמת'דיגע דיבורים פארן בוכ"ע, לאמיר זיך בארעכענען, מ'דארף אויף דעם אליין סייעתא דשמיא, די הערצער זענען פארשטאפט, אטומים וחתומים, פון דעם גרויסן ביטערן חשכות, דער אמת איז דאך אזוי, די אלע יודען וואס זיי קומען זיך צונעזאם אין די בתי מדרשות, איבערהויפט אין די הייליגע טעג, איבערהויפט אזא הושענא רבה, אוי מ'העט דאך גערן עפעס געטוהן, מ'העט זיך גערן געוואלט אויסגיסן דעם הארץ פארן לעבעדיגן באשעפער, לאמיר זיך בארעכענען וויאזוי מ'זעה מיר אויס, אוי ווי וואויל און לעכטיג העט געווען מ'זאלמיר עפעס ארויסגיין פון דאנעט, מ'זאל ארויסגיין מיט א לעכטיג הארץ, דער עיקר איז דארף מען בעטן ביים באשעפער אליין א השפעה, הב לן שאילתין ובעותין, אז דער בוכ"ע זאל אונז געבן א כח מ'זאלמיר קאנען בעטן דיא שאילתין ובעותין, דאס דארף מען אויך א השפעה פונעם בוכ"ע.

עמוד קצ"ן

אין אמת'ן אריין אויבן בשמים מ'פארגעסט נישט פון קיינעם, מ'געדענקט אין אונז אלע אין פרטיות אין כלליות, מ'פארגעסט נישט פון קיינעם, נאר אונז אליין פארגעס מיר זיך וואו מ'האלט מיר, לאמיר זיך אמת'דיג צוברעכן דעם הארץ פארן בוכ"ע און בעטן ביי השי"ת אליין השפעה אלקות, הגם בעוה"ר מ'האט נישט מיט וואס צו קומען, וואס האמיר זיך עפעס אנגעגרייט, וויפיל תורה ומצות און וויפיל אמת האמיר אין זיך.

**ס'איז** ידוע דעם משל וואס שטייט אין סידורו של שבת (שורש א' ענף ב'), אמאהל א טאטע האט אויפגעצויגן א קינד, ער האט זיך צוריסן ער האט עס געהאלטן, ס'האט נאכנישט געקאנט רעדן און נישט קיין שום תנועה, דעם קינד איז אביסל גרעסער געווארן און האט שוין אנגעהויבן צו רעדן, ס'האט גערעדט די ערשטע צוויי ווערטער, ער האט געזאגט "טאטע", דער פאטער איז געווען מלא שמחה אז ער הערט דעם קינד זאגט שוין טאטע, ער הייבט שוין אהן צו רעדן, ער דערקענט דעם פאטער ער זאגט טאטע. ער איז עלטער געווארן און ער האט עהם אנגעהויבן צו לערנען אלע חכמות, ער האט מיט עהם געלערנט ער זאל פארשטיין אזוי ווי א מענטש א פארשטענדליכער מענטש, ער זאל רעדן צו דער זאך, ער זאל פארשטיין צו דער זאך, אז ער האט געזעהן ער פארשטייט נישט און ער רעדט נישט צו דער זאך, האט עהם וויי געטוהן זייער, ער איז ברוגז געווארן און ער האט עהם געשלאגן, פארוואס רעדסטו נישט צו דער זאך, פארוואס רעדסטו נישט ווי ס'גיהער צו זיין, דעס קינד איז געווען אויף צרות, האט ער זיך געבעטן, טאטע, געדענק פון אמאהל ס'איז ביי דיר חשוב געווען כ'האב געזאגט דעס איינע ווארט "טאטע" בין איך אויך שוין געווען זייער חשוב ביי דיר, אזויפיל זאג איך נאך היצט אויכעט.

**דעם** קען מען זאגן אויך אויף אונז, דער בוכ"ע האט אויסגעצויגן פון מצרים, און אברהם אבינו האט מדריך געווען למען אשר יצוה את בניו, אין אנהייב אז מ'האט געוויסט צו זאגן "אבינו שבשמים" אז מ'האמיר א טאטן אין הימל איז אויך חשוב געווען ביים בוכ"ע, היצטערט פארלאנגט מען אודאי פון אונז מ'זאלמיר רעדן צו דער זאך, מ'זאל זאגן אמת'דיגע דיבורים מיט פארשטאנד מיט צובראכענע הערצער, מ'זאל פארריכטן וואס מ'האט פוגם געווען, אבער בעונותינו הרבים זעמיר זייער ווייט דערפון, און ס'איז ח"ו א חרון אף, דער בוכ"ע ווארט פון אונז עפעס גוטע דיבורים, אונז קאן מיר זיך אזויפיל בעטן ביים באשעפער מ'זאל געדענקען ס'איז אמאהל חשוב געווען אז מ'האט געזאגט דעס איינע ווארט "טאטע", דעס קען מיר נאך היינט אויך זאגן, מ'קאן בעטן "טאטע זיסער אין הימל האב רחמנות אויף אונז", רחמים מן השמים קען מיר בעטן היינט אויך, דעס וועט אויכעט חשוב זיין ביים באשעפער, אוי לאמיר זיך בעטן ביים בוכ"ע ער וועט אונז משפיע זיין אין די הערצער מ'זאלמיר נאך זאגן אן אמת'דיג ווארט פארן בוכ"ע, לאמיר זיך בארעכענען, לאמיר מקבל זיין דעם עול מלכות שמים, אז מ'זאל זיך נישט אזוי פירן ווי ביז היצטערט, מ'זאל נישט קוקן וואו מ'טאר נישט, מ'זאל נישט רעדן וואס מ'טאר נישט, מ'זאל נישט אינזין האבן וואס מ'טאר נישט, מ'זאל זיך מדבק זיין אין דרך האמת. און אז מ'וועלמיר די זכיה האבן מ'וועלמיר דערלעבן די ישועה, דעם מלך המשיח, און משה רבינו וועט מיטקומען מיטן מלך המשיח און די אבות הקדושים, דעמאלץ וועלמיר אודאי אנדערשט תשובה טוהן ווי היצטערט, נאר אבער ווי דוד המלך האט געזאגט – אזוי שטייט אין די גמרא (ברכות ד'.) – איך ווייס אז דו גיבסט שכר לצדיקים בעולם הבא, נאר ווער ווייסט צי איך וועל דאס זוכה זיין, אזוי זאגט די גמרא האט גאר דוד המלך געזאגט. על אחת כמה וכמה ברויך מיר זיך אונז צו בארעכענען, דער בוכ"ע וועט אודאי העלפן יודען וועלן זוכה זיין צו זעהן ביאת המשיח, אוי ווי וואויל און לעכטיג וועט זיין דיא יודען, נאר ווייסט השי"ת ווער ס'וועט עס זוכה זיין, לאמיר אונז מתפלל זיין אונז זאלמיר אויך זיין פון דיא, מ'זאל זיך כולל זיין מיטן כלל ישראל, אונז זאלמיר אויך זעהן די ישועה, און דעמאלץ וועלמיר אודאי אמת'דיג תשובה טוהן, אז מ'וועלמיר זוכה זיין זעהן דעם לעכטיגן אור וועט מען באקומען אנדערע הערצער.

ע"ן שנת תשכ"ח עמוד ר"ג

מ'לעבט אין דעם שפלות, פארוואס האט דאס געטוהן דער בוכ"ע, מסתמא ווארט מען אויף דעם מ'זאל דיא נסיונות איבערשטיין, אין דעם חשכות אז מ'טוהט עפעס פארן רצון הבורא ב"ה איז עס חשוב פארן אייבירשטען, אזוי ווי דער רבינו יונה זאגט (בפי' לאבות פ"ב מ"ה) עת לעשות לה' ווען ס'איז חלילה הפרו תורתך, דעמאלץ איז די צייט מ'זאל עפעס טוהן פארן באשעפער, וועט עס זייער חשוב זיין.

**מורי** ורבותי, מ'ווארט מיר אויף א ישועה אויף א גאולה, ווער

ס׳וועט עפעס טוהן היצטערט אין דעם חשכות אוי ווי חשוב וועט דאס זיין דעמאלץ, וועט מען זיך קאנען בארימען, מ׳וועט אָנווייזן דאס זענען דיא יודען וואס זיי האבן צוגעהאלפן צו התקרבות הגאולה, דיא יודען האבן געהאלפן דעס יודישקייט אין דעם גרויסן חשכות, אוי ווי ביטער וועט זיין אויף דיא וואס מ׳וועט אָנווייזן דיא האבן געהאלפן חלילה פארדארבן יודען, דיא וואס זיי זענען מיטגעגאנגען מיט די מכשולות הדור, לאמיר זיך אכט געבן לאמיר נישט זיין פון דיא, לאמיר זיך צוזאמנעמען, מ׳זאלמיר אוועקגיין פון דאנעט מיט דער מחשבה מ׳זאל טראכטן צו טוהן אלעס נאר פארן רצון הבורא ב״ה, מיט דעם וועלמיר אסאך דערגרייכן, השי״ת וועט אונז העלפן.

*שנת תשכ״ג עמוד רע״ג*

דעס איז די גרעסטע בקשה אז מ׳זאל האבן סייעתא דשמיא מ׳זאל קאנען אויסבעטן אלדינגס, מ׳זאל קענען זאגן אמת׳דיגע תפלות

*שנת תשכ״ב עמוד רכ״א*

**איך** פלעג דאס אייביג טייטשן*), מ׳זאג מיר (בסליחות) המצא לנו בבקשתינו, השי״ת זאל זיך טרעפן פאר אונז ביי אונזער בקשה, שנאמר ס׳שטייט אין פסוק (פ׳ ואתחנן ד׳ כ״ט), ובקשתם משם את ה׳ אלקיך ומצאת, דו וועסט טרעפן, כי תדרשנו ווען דו וועסט עהם פאָרשטן און דו וועסט עהם זוכן, בכל לבבך ובכל נפשך, מיטן גאנצן הארץ און מיטן גאנצן לעבן, מיט מסירת נפש. לכאורה ס׳איז דאך מעשה לסתור, מ׳זאגט המצא לנו כמה שכתוב, און ברענגט דערויף דעם פסוק, אין דעם פסוק שטייט דאך זייער א שווערער תנאי, אז נאר כי תדרשנו ״בכל לבבך ובכל נפשך״, אונז זעמיר דען ביי דער בחינה, וויאזוי בעט מען זיך המצא לנו אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק, און מ׳זאגט אליין אין פסוק שטייט בכל לבבך ובכל נפשך, אוי ווי ווייט זעמיר פון דעם, ווען מ׳העט כאטש געהאט א תנועה של אמת של קדושה אין די הערצער, בכל לבבך ובכל נפשך. נאך איז א קשיא, ס׳איז ידוע א מציאה קומט בהיסח הדעת, אז ״ובקשתם״ אז מ׳זוכט איז דאך נישט קיין מציאה, אזוי ווי דער ישמח משה פרעגט אויף יגעת ומצאת און ער זאגט א תירוץ (עיין תפל״מ קי״ט עה״פ שש אנכי), וואס דען זאגט מען ״המצא״ לנו עפעס א מציאה.

**נאר** דער אמת איז אזוי, דער פסוק האט אונז מבטיח געווען אז מ׳בעט זיך צום באשעפער, דער אמת האט מען נישט קיין דעת, מ׳ווייס מיר ניטאמאל וואס ס׳הייסט בכל לבבך ובכל נפשך, נאר אז מ׳בעט זיך צום בוכ״ע ער זאל נתגלה ווערן פאר אונז אין די ביטערע הסתרה, די גמרא זאגט (ירושלמי סנהדרין פ״י ה״ב, ב״ר פמ״ב ס״ג) אין לך שעה קשה מזה יותר וואס ס׳שטייט ואנכי הסתר אסתיר, נאר אז מ׳בעט זיך צום באשעפער, און אז דער בוכ״ע העלפט טרעפט מען א מציאה אז ס׳זאל זיין בכל לבבך ובכל נפשך**), מ׳האט זיך גארנישט געוויסט צו בעטן אויף דעם, ס׳דארף דאך נאר זיין פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם (שהש״ר פ״ה ג׳), – אוי אוי כחודו של מחט, אונז קאן מיר וויסן פון דעם, ס׳שטייט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, מילא אויף א חודו של מחט איז מען נישט קיין מבינים, אבער דאס זעה מיר אז קיין פתחו של אולם האמיר נישט, די הבטחה איז דאך געווען אז מ׳טוהט כחודו של מחט וועט נאכקומען פתחו של אולם, האמיר דאך א ראיה ברורה אז מ׳האט נישט געעפנט קיין פתח אפילו כחודו של מחט, אוי ווייי געוואלד, אז מ׳זאלמיר עפענען א שטיקל פתח, וגללו את האבן – אזוי שטייט דאך אין ישמח משה (בדרושים לער״ה אות א׳) – מעל פי הבאר, אז מ׳איז גולל את האבן למטה איז מען גולל את האבן למעלה.

**איבערדעם** זאגט מען ״המצא״ לנו, ״ובקשתם״ משם את ה׳ אלקיך אז עטץ וועט בעטן דעם באשעפער, ״ומצאת״ וועסטו טרעפן א מציאה אז דערנאך וועט זיין כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך, אויף דעם האסטו גארנישט געוויסט אזוי ווייט צו בעטן, נאר אז מ׳בעט זיך אמת׳דיג צום באשעפער, – למען השם לאמיר נישט איבערלאזן דעם טאג, לאמיר נישט איבערלאזן דעם טאג, דער בוכ״עווארט אויף דעם ווען וועט מען ארויסגיין פון די הסתרה, – ממילא וועט זיין ומצאת דו וועסט ׳גאר טרעפן דערנאך, אז מ׳איז זוכה צו א שטיקל ישועה פון הקב״ה קומט מען צו צו דעם אז מ׳זאל מיינען בכל לבבך ובכל נפשך, מיטן דרך הטבע דעס טבעיות און דעס גשמיות מיט דער טבע אנושית מיט דעם שפלות הדור שטייט כחומה, קען מען גאר נישט מיטן דרך הטבע צוקומען, נאר אז מ׳בעט זיך אמת׳דיג ביי השי״ת, מ׳דארף האבן אויף דעם א ישועה.

*ע׳ין שנת תש״י*

*שנת תשכ״ה עמוד רצ״ב*

אויף דעם אליין ברויך מען איינרייסן און בעטן ביים באשעפער חוסה ה׳ על עמך ועל ארצך!. – פון דעם זעהט מען מ׳דארף האבן מסירת נפש אויף גידול הבנים מיט דער אמונה, מ׳זאל אהערשטעלן דורות וואס זיי גלייבן אין באשעפער, השי״ת זאל אויף אונז רחמנות האבן ס׳זאל פון אונז ארויסקומען א כבוד שמים, מ׳זאלמיר נאך זוכה זיין צו זעהן דורות בנים ובני בנים פארן רצון הבורא ב״ה, דאס קאן זיין אונזער רעטונג, ס׳זאל אונז רעטן פונעם שפלות, מ׳זאל בעטן דעם באשעפער כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ!.

*שנת תשכ״ח עמוד שנ״ב*

**דער** אמת, דיא אלע יאהרן האט אויסגעפעלט תשובה, נאר דער אמת איז, ווי שפעטער איז מער עלול צו די ישועה צו דער גאולה, אפילו אזא תשובה וואס ס׳האט פריעריגע דורות נישט געקאנט נוצן, ס׳איז נאכנישט גענוג געווען, היינט איז גענוג אפילו וויינעגער, נאר עפעס מ׳זאל כאטש טוהן, לאמיר נישט ארויס אינגאנצן מיט גארנישט, ווען מ׳העט גיווען געוויסט ווי ווייט וואס ס׳קען נוצן, העט מען דאך גיווען אוועקגעלייגט אלדינגס, ווען מ׳העט גיווען געוויסט וויאזוי ס׳זעהט אויס, – אזוי ווי מ׳זעהט אין ספרים הקדושים, – וואס ס׳טוהט זיך וויאזוי ס׳זעהט אויס אין די עולמות העליונים אין אזא לעצטן טאג, ווען מ׳קוקט ארויס אויף די ישועה, ס׳זאל זיין א שנת גאולה וישועה, ווען מ׳העט געוויסט וואס ס׳קען נוצן אויבן, מ׳העט געזעהן אלעס וואס ס׳טוהט זיך, – אונז גלייב מיר, – בעוה״ר מ׳זעהט נישט און מ׳הערט נישט, אז מ׳העט נאר אביסל משים אל הלב געווען, מ׳זאל אביסל משים אל הלב זיין, מ׳זאל בעטן ביים באשעפער סייעתא דשמיא, און די גרעסטע הילף וואס מ׳דארף צו בעטן פון באשעפער איז אז מ׳זאל קענען זיין א יוד פארן רצון הבורא ברוך הוא, ווען וועלמיר שוין זיך עפעס בארעכענען אמאהל, לאמיר נישט שווייגן אין דעם טאג, מ׳וועלמיר שוין נישט האבן אזא טאג ביז איבער א יאהר, ווייסט השי״ת וואס אין דעם יאהר וועט זיך טוהן, ווייסט דער אייבירשטער וואס ס׳הענגט נאך חלילה אויף יודישע קינדער, קיינער איז נישט זיכער מיט זיך.

*לב ב׳ א׳ קץ הגאולה*

**דער** אמת, מ׳קומט זיך צוזאם אין אזא טאג, אז יודען וואס זיי ווילן דינען דעם אייבירשטען מ׳קומט זיך כאטש צונעזאם אין די בתי כנסיות אין די בתי מדרשות, נאר די הערצער זענען פארשטאפט. – לאמיר רעדן דעס ערשטע פון די ענינים המעכבים את הגאולה, מ׳זאגט יעדן טאג אין די ק״ש, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, די גמרא זאגט (ברכות י״ב ע״ב) דאס איז טייטש אז אחרי לבבכם זו מינות ואחרי עיניכם זו עריות. אין דיאביידע זענען גרויסע נסיונות אויף דער וועלט, קודם דעס ענין פון דער אמונה, בעוה״ר מ׳ווערט אזוי נתגשם, מ׳ווייסט שוין ניטאמאל וואס הייסט אמונה שלימה אין הקב״ה, מ׳האט גארנישט קיין השגה וואס מ׳טוהט אויף מיט א שטיקעלע אמונה אין הקב״ה, מ׳זאל אמת׳דיג האבן די אמונה שלימה אין הקב״ה, קיינער קען אונז נישט העלפן נאר

איין באשעפער, און אז מ׳זאל וויסן דאס איז עס, מ׳זאל זיין צפית לישועה, מ׳זאל וויסן מ׳זאל מצפה זיין באמת אויף ביאת המשיח, בעוה״ר מ׳ווערט געכאפט פונעם זרם העולם. און ווידער עריות וואס מ׳היט זיך נישט אפ די אויגן, דארף מען נישט אויסצורעכענען, יעדער ווייסט דאך ביי זיך, יעדער ווייסט דאך וויאזוי ער זעהט אויס, צי האט ער שוין פארראכטן די חטאות נעורים. מורי ורבותי, היצט איז די צייט, מ׳קומט זיך צונעזאם, תשובת הרבים, דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן פונעם זיידען ער זעהט עס מיט די אויגן, – אונז זעה מיר נישט, – די אלע ניצוצין הקדושים קומען אין ביהמ״ד אריין ווען יודען קומען זיך צוזאם, און בעטן זיך מיט געוויין "זייטס אונז מעלה", לאזט אונז נישט אין די קליפות מער, מיט וואס קאן מען דאס פאררעכטן, נאר מיט אמת׳דיגע טרערן פארן באשעפער, מ׳זאל אויף זיך מקבל זיין פון היצט אהן מ׳זאל האבן אפגעהיטענע מחשבות מיט אפגעהיטענע אויגן, השי״ת זאל העלפן מ׳זאל מער נישט זינדיגן. – אין דעם ליגט דערינען דעס פריצות וואס מ׳גייט, מ׳העט געדארפט האבן מסירת נפש פאר דעם, דער בעל דבר כאפט זיך אריין, מ׳דארף נישט אזויפיל אויסרעכענען.

עמוד ש״ס

**דער** אמת ברויך מען גרויס רחמים, די גאנצע וועלט ברויך רחמים, מ׳האלט היצט פאר אן איבערגאנג, ווייסט מען דען די חבלי משיח ווי ווייט דאס גייט, דער אמת האלט מען דאך שוין קרוב צו ביאת המשיח, און דער קטרוג איז דאך זייער גרויס, ס׳שטייט דאך אלעמאל פארדעם ווען ס׳איז געווען א קץ און ס׳איז פארדארבן געווארן איז געווען גרויסע צרות, שנת ת״ח און נאך אזאלעכע יאהרן, איז דאך דער קטרוג זייער גרויס פאר ביאת המשיח, ברויך מען גרויס רחמים עקסטערדעם אין די גאנצע וועלט וויאזוי מ׳שטייט, און בפרטיות אחינו בני ישראל במקום הקודש, מ׳זאל נישט מיטגעריסן ווערן מיטן זרם, מ׳ברויך נאך אין פשטות גרויס רחמים, ווער ווייסט דען נאך וואס דארט וועט זיך נאך טוהן, מ׳דארף נישט פארגעסן מתפלל צו זיין אז יודען זאלן ניצול ווערן, וואס ס׳וועט נאך פאריבער גיין דארט ווייסט השי״ת, דאס ווייס מיר אונז נישט, לאמיר איינרייסן פאר יודענס וועגן, יודען זאלן ניצול ווערן, וואס קאן מען זיך העלפן, זאלן נישט נכשל ווערן בעצת החטאים האלה בנפשותם.

עמוד שס״ג

און דער סוף וועט דאך זיין יודען וועלן תשובה טוהן אחר ביאת המשיח, עכ״פ יודען וואס זיי גלייבן אין באשעפער, און זיי האבן השתוקקות מ׳האט רצון צו דינען דעם בוכ״ע, נאר נעבעך די נסיונות און דעס חשכות העולם דאס פארשטעלט דעם דעת, דיא וואס זיי האבן רצון עכ״פ צו דינען דעם באשעפער מ׳זאל זוכן דעם אמת, וועט זיי דאך דער בוכ״ע העלפן,

שס

**היצט** זאגט מען בוראינו. תכתב זאת לדור אחרון ועם נברא יהלל קה (תהלים ק״ב), דער אמת אין תוקף הגלות זענען די הערצער פארשטאפט, דער יוד וואס האט אין זיך א ניצוץ של אמת וועט עהם דער בוכ״ע העלפן "ועם נברא", מ׳וועט זיין א בריאה חדשה, ווארן אז מ׳וועט נאר הערן א שטיקל ישועה, ווען יודען וועלן נאר הערן שופר של משיח האט גארנישט קיין שיעור וואס יודען וועלן תשובה טוהן דעמאלץ. מ׳דארף זיך אויסמאהלן, מ׳דארף זיין גרייט, מ׳קאן נישט וויסן די מינוט און די רגע וועלעכן טאג יודען וועלן געהאלפן ווערן, איבערהויפט אין די לעצטע זמנים, ס׳איז נישט קיין זמן פון גרויסע הכנות, אזוי ווי ער זאגט דער ארץ החיים (קפיטל ע״א כ׳), אז ס׳וועט לאנג דויערן וועט קומען אלעס אויפאמאל, קאן מיר גארנישט וויסן, מ׳דארף זיין גרייט, וואס פאר א פנים וועט מען האבן, וואויל איז דעם יוד וואס ער וועט קאנען דעמאלץ ווען ס׳וועט דערלייכט ווערן דער אור הגאולה און מ׳וועט דארפן אקעגן גיין משיח׳ן, מ׳וועט אקעגן גיין, מ׳וועט האבן מיט וואס, מיט עפעס, מ׳וועט וויסן מ׳איז איבערגעשטאנען פון די שווערע נסיונות, און מ׳האט זיך געפירט, מ׳האט געהאט א הארץ צום באשעפער אין דעם גרויסן חשכות, אוי ווי גרויס בושה וועט זיין אז מ׳איז אינגאנצן פארפירט געווארן, לאמיר זיך בארעכענען מ׳וועט דאך געהאלפן ווערן, אונז גלייב מיר דאך אין ביאת המשיח, וואס פאר א פנים וועלמיר האבן מ׳וועט אקעגן גיין דעם מלך המשיח, וועט מען זאגן וויאזוי זעהסטו אויס, וואס האסטו עפעס געטוהן אין די ביטערע יאהרן, ס׳איז געווען אזוי ווייט די שכינה הקדושה, קוק דעס גלות און דעס שפלות, דער מצב התורה און דער מצב פון יודישקייט און דער מצב האמונה, דעס אלעס וועט זיך דאך ארויסשטעלן, השי״ת זאל זיך מרחם זיין אויף אונז, מ׳זאלמיר נאך נתקרב ווערן צום בוכ״ע, מ׳וועט אקעגן גיין משיח׳ן זאל מען האבן מיט וואס צו גיין, וויאזוי וועלמיר אויפהייבן דעס פנים פארן מלך המשיח, אז מ׳וועט זאגן ביסט דורכגעגאנגען אזעלעכע ביטערע צייטן, און דו האסט גארנישט משים אל הלב געווען.

עמוד ש״ע

**מ׳זאגט** דא כבושה בגולה, לומדת יראתך, וואס איז דעס שייכות. און וואס איז טייטש "לומדת", באמת ברויך מען דאך צו האבן יראה [בפועל]. נאר בעוה״ר דורכן כח הגלות, דעס נפש איז אין גלות, דעס הארץ איז אין גלות, און אפילו מ׳העט געוואלט, איז דעס גרויסע חשכות העולם דעס חשכות הגלות (מונע מלהשיג), איבערדעם זאגט מען נאר "לומדת" מ׳לערנט זיך, הציבו לך ציונים שטייט (ספרי ורש״י ס״פ עקב), די מצות זאלן נישט זיין כחדשים ווען משיח וועט קומען, מ׳לערנט די כללים די ידיעות מ׳זאל האבן ידיעה וואס ס׳הייסט יראת שמים, ווען דער אייבירשטער וועט העלפן און ס׳וועט זיין די גאולה שלימה, מ׳וועט קומען צום מלך המשיח און מ׳וועט אריינשיינען יראת שמים וועט עס נישט זיין קיין נייעס, מ׳וועט זיך דערמאנען מ׳האט עפעס עוסק געווען אין דעם, נאר מ׳האט נישט פארשטאנען מ׳איז געווען ווייט דערפון, ס׳איז א לימוד פון יראה, דעס גלות איז א לימוד פון יראה, מ׳לערנט זיך אויס, אין דעם עומק הגלות וויאזוי מ׳ווערט פארפירט, דעס דעת איז אין גלות, מ׳ווייסט נישט מ׳פארשטייט נישט, וויאזוי וועלמיר צוקומען צום מלך המשיח, וועלמיר דען קענען זאגן מ׳האט געהאט יראת שמים, בעוה״ר זעמיר דאך זייער ווייט פון א נקודה פון אמיתיית פון יראת שמים, אזויפיל וועלמיר זאגן כאטש, מ׳האמיר זיך פרובירט לערנען יראת שמים. השי״ת זאל אויף אונז רחמנות האבן מ׳זאלמיר נתקרב ווערן צו הקב״ה, מ׳זאלמיר נאך טוהן תשובה שלימה, מ׳זאלמיר זוכה זיין צו זעהן ישועת ישראל, מ׳זאל נישט נדחה ווערן דורך די חטאים.

עמוד שע״ב

לאמיר נאר זעהן, איינס פון די יסודי המכשולות פון די וועלט אז די מדת הוד נוצט מען אויס אויף גשמיות, צוגלייכן צו די וועלט, די אלע פריצות וואס מ׳גייט ווייל ס׳איז שיין פאר די וועלט, מ׳האט גענומען א ספירה עליונה מדת הוד און מ׳האט עס אריינגעברענגט אין נארישקייט אריין, דעס איז רח״ל דעס איז מחריב העולם, אז מ׳העט גיוועז געוויסט וואס דאס איז, די אלע פריצות, וויאזוי זיי גייען אנגעטוהן די נשים מיט די בגדי פריצות, און דערנאך קומט נאך די מדה פון יסוד ווייל ס׳רירט אהן אין דער מדה, מ׳איז פוגם אין די מדה פון הוד, די מדת הוד, און מ׳ברענגט עס אריין אין נארישקייט, אין פריצות אריין, הוד איז א מדה עליונה. איבערדעם באקלאגט מען דאס אז דעס וואס מ׳דארף טוהן פאר הקב״ה להבל דמה, מ׳זאלמיר זיך שיין מאכן פארן בוכ״ע מיט די מדה פון הוד, השי״ת זאל משפיע זיין בלבות בני ישראל מ׳זאלמיר די זכיה האבן חן ושכל טוב בעיני אלקים, פריער דארף מען ביים בוכ״ע, מ׳זאל האבן חן ביים בוכ״ע, ער זאל משפיע זיין אין די הערצער מ׳זאל גיין בדרך האמת.

נעתק ברשות המו״ל